STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03089

AVRAHAM REYZEN

L. Shpitalnik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. שפּיטאַלניק

אברהם רייזען

(זיין לעבן און שאַפן)



ארויסגעגעבן פון דער
פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע
פון דעם
שלום עליכם פאָלקאינסטיטוט
צו דעם זעכציקיאָריקן יובל פון דעם דיכטער
ניו יאָרק, יוני, 1936

גערדרוקט אין דריי טויזנט עקזעמפלאַרן.

פּאָזי־שאולזאָן פּרעס, 19 וועסט 21טע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י.

אַריינפיר

די גאַנצע אידישע קולטור-וועלט פייערט איצט דעם זעכציק-יאָריקן יובל פון אברהם רייזען, איינעם פון די גרעסטע אידישע שרייבער פון אונדזער צייט. עס איז שוין עטלעכע און פערציק יאָר, ווי דער דאָזיקער שרייבער שטייט בײַ זײַן ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט געדינט אונדזער פאָלק מיט ליד און דערציילונג, מיט אַרטיקל און רעדע, מיט אַרויסגעבן ביכער און מיט איבערזעצונגען פון דער וועלט-ליטעראַטור, מיט רעדאַקטירן זשורנאַלן און מיט אַריינפירן נייע שרייבער אין אונדזער ליטעראַטור, מיט שרייבן פאַר גרויס און קליין, מיט זאַמלען די גרויסע באַהאַלטענע אוצרות אין די טיפענישן פון פאָלק און מיט איינשטעלן זיך פאַר דער אידישער שפּראַך. אַחוץ די דאָזיקע זייער גרויסע פאַרדינסטן זיינע האָט ער נאָך די גרויסע מעלה,וואָס ער איז איינער פון אונדזערע האַרציקסטע מענטשן, און גוטסקייט און רחמנות זיינען זיינע שטענדיקע מידות. דאָס אַלץ אינאיינעם—זיין טאַלאַנט און כאַראַקטער—האָט אים געמאַכט פאַר איינעם פון די באַליבטסטע שרייבער.

נו, זאָגט אַליין, דאַרפן מיר ניט וועלן באַקענען זיך מיטן לעבן פון אַזאַ שיינעם און וויכטיקן מענטשן?

אויף די ווייטערדיקע זייטלעך וועלן מיר דאָס פּרוּוון טאָן.

א.—דאָס שטעטל קאָידענאָוו. דער זיידע און די באָבע

מיט אַ זעכציק יאָר צוריק איז אין קאָידענאָוו, אַ קליין שטעטל אין מינסקער גובערניע, בײַ אַן אויפגעקלערטן אידן קלמן רייזען געבוירן געוואָרן אַ אינגל, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן **אברהם**. דעם אינגל איז באַשערט געווען צו ווערן בײַ אידן איינער פון די גרעסטע שרייבער. ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג, האָט ער שוין געוויזן אַרויסוויזן טאַלאַנט און כאַראַקטער. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער, ווען ער איז נאָך געגאַנגען אין חדר. ער האָט געהאַט דאָס גליק אָנערקענט צו ווערן פאַר אַ פּאָעט באַלד, ווי ער האָט אָנגעהויבן זינגען זיינע ערשטע גראַמען. זיינע אַ באָבע איז געווען זיין ערשטע צוהערערן. זי האָט אָנערקענט זיין טאַלאַנט

גיבער, ווי זיין טאַטע, און זי האָט אים שוין אפילו גענומען צאָלן דעם ערשטן האָנאָראַר — אַ קאָפּיקע אַ ליד. זי איז אָבער געווען זייער שטרענג און געפאָדערט פון אים אָריגינעלקייט. זי האָט ניט געוואָלט קיין פרעמדע לידער, נאָר אייגנגעשאַפענע. אברהמל האָט זי געפאָלגט. ער איז אויסגעוואַקסן אַן אָריגינעלער דיכטער, אַן עכטער.

אברהמלס זיידע ר׳ משה איז געווען אַ איד אַ נגיד. ער האָט ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ ספר און האָט געוואָלט, אַז זיינע קינדער און קינדסקינדער זאָלן אויסוואַקסן למדנים, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט גאָטס תורה. ער האָט אָבער אַחוץ תורה געהאַלטן אויך פון מעשים טובים. זיין נגידעשאַפט האָט ער ניט געהאַלטן פאַר זיך אַליין. ער איז שטענדיק גרייט געווען צו העלפן אַ אידן אַן אָרימאַן און ווער שמועסט אַ נויטבאַדערפטיקן ערלעכן האָרעפּאַש-ניק, אָדער קרעמער אוודאי און אוודאי. ער פלעגט דורכן יאָר צע-לייען אַ פאַרמעגן. ווער עס האָט געבעטן אַ גמילות חסד, איז קיינ-מאָל חלילה ניט אַוועקגעגאַנגען אַ פאַרשעמטער. ווען אַסך האָבן מחמת נויט, אָדער אַנדערע סיבות ר׳ משהן ניט אָפּגעצאָלט, האָט עס אים אויך ניט זייער שטאַרק געאַרט. ער האָט ווידער געליגן. זיין רחמנות אויף אַ אידן, וואָס ראַנגלט זיך מיט דער אָרימקייט און וויל נעבעך פאַרדינען אַן ערלעך שטיקל ברויט, האָט גובר געווען זיינע שטילע תרעומות, און זיין האַנט איז נאָך אַלץ געווען אָפן פאַר אָרימעלייט. אויף דער עלטער איז טאַקע ר׳ משה געבליבן אַן אָרימאַן. עס האָט אים אָבער ווייניק וואָס געאַרט. אַבי ער האָט געהאַט אַ ווינקל וואו אַנצושפאַרן זיין קאָפּ, און ער האָט געקענט זיצן איבער אַ מוסר-ספר. אַזאַ איד, ווי ר׳ משה, האָט ניט געטראַכט פון עולם הזה.

די באָבע שולקע איז אויך געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ. זי איז געווען אַ אידענע אַ בריה, אָבער די דאגות פרנסה האָבן זי ניט איינגעשלונגען אינגאַנצן. זי האָט נאָך געהאַט געגוג הרחבת הדעת און חשק צו טאָן גוטס. איר לעדערנער געלטבייטל, וואָס זי האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך, האָט זיך ניט איין מאָל אויפגע-עפנט מיט רחמים פאַר אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. קיינער איז פון איר הויז קיינמאָל ניט אַרויסגעגאַנגען קיין הונגעריקער, אָדער פאַרשעמטער. די שטאָט פלעגט זאָגן, אַז איר הויז איז געמאַכט פון רעזינע (גומען). עס איז דאָרטן קיינעם קיינמאָל ענג ניט געווען. ווער עס איז געווען הונגעריק, האָט זיך געקענט דאָרטן אָנעסן; ווער עס איז געווען מיד, האָט זיך געקענט דאָרטן אָפּרוען.

ב.—די צוויי עלטער־פעטערס

יעדער גרויסער קינסטלער ווערט געבוירן מיט זיין אָריגינעלקייט. ער וואַקסט אָבער ניט אין קיין חלל. ער ווערט באַווירקט פון די אַרומיקע מענטשן, פון זיין סביבה, זיין צייט, זיין דור. אויך אברהמל איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון די מענטשן, מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך אויף זיין לעבנס־וועג. צווישן די, וואָס האָבן, ווייזט אויס, געהאָלפן אים אויסוואַקסן אַ גרויסער און וויכטיקער מענטש באַ זיין פאָלק, זענען געווען מערק־ווירדיקע טיפּן. מיט אַ פּאָר פון זיי מוזן מיר זיך באַקענען.

אברהם האָט געהאַט צוויי עלטערפעטערס, דעם זיידן ר׳ משהס ברידער, וואָס זיינען געווען אינטערעסאַנטע מענטשן, וואָס האָבן אוודאי געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אים.

איינער פון זיי פלעגט פרייטיק מיטנעמען אין באָד אַריין זיינע בעסטע שטיוול און זיי דאָרטן איבערלאָזן פאַר אַן אָרימאַן, וועלכער, האָט ער געהאַלטן, איז געווען בילכער פון אים. אַליין פלעגט ער דערנאָך אַהיים גיין אַ באָרוועסער און — אַ גליקלעכער, וואָס אַ איד אַן אָרימאַן וועט שוין פון היינט אָן און ווייטער ניט דאַרפן אַרומגיין אַ באָרוועסער און — אַ פאַרשעמטער.

אַ צווייטער עלטערפעטער אברהמס פלעגט יעדן פרייטיק דינגען אַ פערד און וועגעלע, אָנפּאַקן עס מיט כל טוב און אַרומ־פאָרן איבער דער סביבה, פאַרפאָרן צו אַלע אַרענדאַרעס (ישובני־קעס), אָנקלאַפּן אין פענסטער:

— רב איד, דאַרפט איר ניט עפּעס נאָך אויף שבת? — שעמט זיך ניט, זאָגט! איר זעט מיין וועגעלע? — עס איז פול מיט גאָטס־גאָב . . .

טאָמער האָט ער גראָד אין וואָגן ניט געהאַט דאָס, וואָס ס׳האָט דעם ישובניק נאָך געפעלט אויף שבת, איז דער פעטער געלאָפן צוריק אין שטאָט אַריין פייל אויסן בויגן, ס׳זאָל חלילה ניט ווערן שפּעט! — און אַלץ געבראַכט. און אַז ער האָט שוין פאַרזאָרגט אַלע ישובניקעס, די עלנטע, פאַראיינזאַמטע, אין די דערפער און קרעטש־מעס, פלעגט ער פאָרן צוריק אין שטאָט אַריין אַ שיינענדיקער, אויפן וועגעלע זיך אונטערגעזונגען אַ זמרל, אָדער גאָר געזאָגט שיר השירים און אָפּגעגעבן אַ לויב דעם, וואָס לעבט אייביק:

— איך דאַנק דיר, ריבונו של עולם, וואָס דו האָסט מיך מזכה געווען מיט אַזאַ גרויסער מצווה: פאַרהיטן אידן פון אַ פאַרשטערטן שבת, חלילה!... אַ גאַנצע וואָך זיינען זיי נעבעך פאַריאָגט, פאַר־

חושכט פון דאגות פרנסה, זאָלן זיי כאַטש אין דיין הייליקסטן טאָג וויסן אַביסל פון אַ לעבן צו זאָגן...

ג.—טאַטע־מאַמע. דער פעטער הירש

דער זיידע ר׳ משה און די באָבע שולקע האָבן ניט געקאַרגט קיין שכר־לימוד פאַר זייערע זין. זיי האָבן געוואָלט, אַז זייערע זין הירש און קלמן זאָלן אויסוואַקסן למדנים, רבנים. זיי האָבן אָבער ניט געקענט אויספירן זייערע וואונטשן אינגאַנצן. עס האָבן שוין אין יענע יאָרן געבלאָזן נייע ווינטן. די השכלה האָט שוין געקלאַפּט אין די טויערן אפילו פון די פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך. איין זון הירש איז טאַקע אויסגעוואַקסן אַ גרויסער למדן און דער־נאָך געווען דער גרעסטער גמרא מלמד אין שטעטל. דער צווייטער קלמן איז אויך געווען אַ גרויסער קענער. אָבער ער איז שוין געווען באַאיינפלוסט פון דער אויפקלערונג. ער האָט שוין אין דער שטיל געשריבן מאמרים און שירים. נאָך דער חתונה האָט ער געמוזט ווערן אַ סוחר, אָבער זיין קאָפּ איז אים געלעגן ערגעץ אַנדערש. און אפילו דער פרומער זון הירש האָט זיך אויך אינדערשטיל אָפּ־געגעבן מיט חקירה און זיך געכאַפּט פון דער גמרא צו די השכלה־ספרימלעך. די דאָזיקעביידע מענטשן — דער טאַטע און דער פעטער — האָבן שטאַרק משפיע געווען אויף דעם צוקונפטיקן אידישן דיכטער. דער פעטער הירש האָט אויף אים געווירקט מיט זיין גרויסן ערנסט, פרומקייט, עטישער באַנעמונג פון אַ אידן אַ תלמיד־חכם. דער פאָטער האָט מיט זיין פאַרחלומטקייט, מיט זיין רייסן זיך צו אַ נייער וועלט געוועקט אין זיין אינגל אַ גרויסע אומ־רואיקייט און אַ ליידנשאַפטלעכע שטרעבונג צו אַ גרוים און שיין לעבן. דאָס אינגל האָט געלערנט באַ ביידע. באַ ביידע האָט ער זיך געלערנט ליב האָבן דאָס ספר און דעם בוך. פון דעם פאָטער האָט ער זיך דערוואוסט פון דער ליטעראַטור — העברעאישער און אידישער.

ד.—נאָך אַ פּאָר שטריכן פון זיין טאַטן

אברהמלם פאָטער איז געווען אַ באַגאַבטער מענטש. געבוירן געוואָרן איז ער אין דער צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט שוין שטאַרק געווירקט די השכלה. ער איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון אירע אי־דייען. ער איז געווען דער ערשטער משכיל אין זיין שטעטל און גענומען רייסן זיך צו אַן אַנדער וועלט. נאָך דער חתונה האָט ער זיך, ווי מיר האָבן שוין געזען, געמוזט איינשפּאַנען אין יאָך פון

פרנסה, ווערן אַ סוחר, ווי אַלע אידן פון זיין שטאַנד, אָבער דער מסחר האָט אַזאַ מענטשן ניט געקענט אינטערעסירן. דערפאַר איז ער ניט געווען קיין „מוצלח”, און ער פלעגט דאַרפן אַלעמאָל אָנקומען צו זיין פאָטער... מע דערציילט, אַז אָפטמאָל פלעגט מען אים טרעפן זיצן איבער אַ העברייאישן, אָדער דייטשן בוך, ווען ער האָט גאָר געדאַרפט זיין באַם געשעפט. זיינע קינדער, דערציילט מען אין קאָידאַנאָוו, פלעגט קלמן רייזען פאַרווייגן מיט שילערס אַ ליד.

ה.—די מאַמע

די מוטער אברהמס איז אויך געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע פרוי. זי איז געווען שיין, קלוג און געראָטן. זי איז געווען אַ וואויל-קענעוודיקע. זי איז געווען קלאָר אין טייטש-חומש, אין אַלע תחינות, אין די מוסר-ספרים אויף עברי-טייטש. זי פלעגט אויך ליב האָבן צו לייענען פאַר זיך און פאַר די אַנדערע די מעשה-ביכלעך און האָט גע-קענט זינגען אַסך פאָלקלידער. זי האָט עס, ווייזט אויס, געלערנט איר זון ליב האָבן די פאָלקשפּראַך אונדזערע. זי האָט עם אונדזער צוקונפ-טיקן פּאָעט באַצוויבערט מיט די האַרציקע טענער פון אידישן פאָלק-ליד און אים געלערנט עם ליב האָבן און איינשטעלן זיך דערפאַר.

אברהמלס מוטער איז געווען די גוטסקייט אַליין. זי איז געווען אַ גרויסע בריה, און אַלץ האָט זי געקענט. דאָס וואונדערלעכע גע-שטאַלט פון זיין מאַמען האָט דער פּאָעט דערנאָך ניט איין מאָל אָפּגעשילדערט פאַר אונדז אין די שיינע פּרויען טיפּן פון זיינע דער-ציילונגען.

אָט אין אַזאַ משפחה און באַ אַזוינע עלטערן איז דאָס דעם צוקונפטיקן גרויסן אידישן שרייבער באַשערט געווען געבוירן צו ווערן. דאָס איז געווען די אידעאַלסטע סביבה פאַר אַ באַגאַבט קינד.

ו.—חדר, רביים, לערער

דאָס חדר האָט אברהמל ניט ליב געהאַט. דאָס צאַרטע פיינ-פילנדיק אינגל האָט ניט געקענט פאַרליידן די שטרענגע דיסציפּלין פון אַמאָליקן חדר, די בייזקייט פון רבין, דאָס טרוקענע לערנען. דערצו האָט זיך זיין אויפגעקלערטער פאָטער אויך ניט צופרידנ-געשטעלט מיט דער „בילדונג”, וואָס דאָס אַמאָליקע חדר האָט גע-געבן. האָט אברהמל אייגנטלעך קיין סך ניט געלערנט באַ די מלמדים. זיין פאָטער און זיין פעטער הירש דער למדן האָבן פאַר-פולקומט זיין אידיש וויסן. דער פאָטער האָט מיט אים אויך געלערנט

העברייאיש, דייטש, רוסיש. צו דרייצן יאָר איז ער שוין געווען דאָס געבלידעטסטע און אויפגעקלערטסטע אינגל אין שטעטל, און ער איז אַליין געוואָרן אַ לערער. ער האָט געלייענט אַסך. ער האָט איבערגעלייענט דעם טאַטנס און דעם פעטערס ביבליאָטעק צו עטלעכע מאָל. געקויפט ביכלעך פון די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס באַ די פאַקנטרעגער. גענומען אויף פּראָקאַט ביכער אין דער אָרימער לייביבליאָטעק אין שטעטל, וואָס אַ מלמד האָט געהאַלטן. גענישטערט און געזוכט וואָס צו לייענען אויף די פּאָליצעס פון די ספרים-שראַנקען אין די שולן און בתי-מדרשים. די ליטעראַטור איז געווען זיין איינציקער גרויסער אינטערעס פון קינדווייז אָן.

ז.—אברהמל ווערט אַ יתום. זיינע ערשטע וואַנדערונגען. בענקשאַפט

זייער יונג איז אברהמל געוואָרן אַ יתום. די גוטע, שיינע און לייטישע מאַמע שטאַרבט אַ יוגנט. דאָס אינגל איז צעבראָכן פון גרויסן ווייטיק און צער. די פאַמיליע ווערט צעריסן. צוויי ברידערלעך זיינע ווערן אַוועקגעפירט צו אַ שוועסטער אין אַן אַנדער שטעטל, זי זאָל זיי דערציען. אברהמל ווערט אויך פאַרוואָגלט פון זיין היים. ער ווערט פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ שטעטל, צי אַ דערפל און ווערט דאָרט אַ לערער. ער בענקט אָבער שטאַרק אַהיים און זיין מאַמען קען ער ניט פאַרגעסן. גיסט ער אוים זיין האַרץ אויפן פּאַפּיר. און ער שאַפט זיין ערשט וואונדערלעך ליד, וואָס ווייזט שוין דעם שפּעטערדיקן פּאָלקדיכטער. צייטנווייז ווערט אָבער זיין בענקשאַפט אַזוי גרויס, אַז ער האַלט ניט אוים און לויפט אַהיים. טרעפט ער זיין היים אַ פאַרלאָזטע, אַן עלנטע. לויפט ער צוריק אין דער פרעמד, קומט קיין מינסק, לערנט אַליין, לערנט יענעם, פאַרזוכט דעם טעם פון עסן „טעג", פון זיין נע־ונד באַ יענעם. ער באַקענט זיך אָבער מיט אינטערעסאַנטע יונגעלייט, וואָס זיצן איבערן ספר, אָדער איבערן בוך. מע באַפריינדט זיך. מע לערנט צוזאַמען און מע חלומט צוזאַמען. מע ווייזט שוין אפילו איינס פאַר ס'אַנדערע די ערשטע ליטעראַרישע פּראָבעס.

ח.—אברהמל גייט דינען דעם צאַר

באַשערט געווען אים אויך דורכצוגיין דעם צאַרס קאַזאַרמע. אין 1895 איז ער אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ סאָלדאַט. געדינט האָט ער אין קאָוונע. און מערקווירדיק אין דעם לעבן זיינעם איז אָט וואָס: אומעטום האָט ער געקענט געפינען שיינקייט, מענטשלעכע גרויסקייט. פון די אַלע באַגעגענישן, איבערלעבענישן, צער

און בענקשאַפט וועט רייזען אַרויסטראָגן אַ באַרייכערטע פאַנטאַזיע, אַ גרויסע לעבנסחכמה, אַ טיף באַקענען זיך מיט די געדאַנקען און געפילן פון די מענטשן, און דידאַזיקע גרויסע דערפאַרונג זיינע וועט ער אונדז דערנאָך גיבן אין אומפאַרגעסלעכע לידער און דערציילונגען.

ט.—ערשטער ליטעראַרישער דעביוט. י. ל. פרץ, שלום עליכם און זייערע באַציאונגען צום פּאָעט

זיין ערשטן ליטעראַרישן דעביוט האָט רייזען געמאַכט נאָך אַלס אינגל מיט אַ פּאָר קאָרעספּאָנדענצן אין דעם פּעטערבורגער „אידישן פאָלקסבלאַט". זיין אמתע ליטעראַרישע קאַריערע הויבט זיך אָבער אָן פון דעם יאָר 1891, ווען דער גרויסער אידישער שרייבער י. ל. פרץ האָט אָפּגעדרוקט רייזענס אַ ליד אין זיין „אידישער ביבליאָטעק".

דער יונגער פּאָעט האָט געהאַט דאָס גליק, אַז אונדזערע צוויי גרויסע קלאַסיקער י. ל. פרץ און שלום-עליכם זאָלן זיך מיט אים פאַראינטערעסירן, דערמוטיקן און אפילו העלפן אַרויספירן פאַר דער וועלט. פרץ דרוקט רייזענס לידער אין זיינע אייגענע אויסגאַבן. ער דרוקט אַביסל און קריטיקירט אַסך. אָבער רייזען הערט זיך זייער גערן צו צו די רייד פון דעם געניאַלן אידישן שרייבער און רייסט זיך צו אים מיט אַלע כוחות. שלום-עליכם קען אַליין ניט דרוקן דעם יונגן ליטווישן פּאָעטס לידער, שיקט ער זיי אַוועק באַדיי קיין אַמעריקע אין אַ דאָרטיקער פילאַדעלפיער אידישער צייטשריפט מיט אַ וואַרימער רעקאָמענדאַציע. די לידער ווערן אָפּגעדרוקט. שלום-עליכם איז צופרידן, און רייזען איז דאַנקבאַר און גליקלעך, וואָס ער האָט אַזוינע צוויי וועגווייזער.

י.—דער יונגער פּאָעט ווערט באַרימט. זיין פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים".

אין דעם יאָר 1899 האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ וואָכנבלאַט „דער יוד". אברהם רייזען האָט אַהין אַוועקגעשיקט זיין פּאָעמע „מיין צוריקקער אַהיים", וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך אַ באַזוך אין זיין געבוירנשטעטל. די פּאָעמע איז אָפּגעדרוקט געוואָרן און האָט געמאַכט דעם יונגן דיכטער באַרימט.

אין דער פּאָעמע האָט רייזען אונדז אין טרויעריק-האַרציקע פערזן געשילדערט דעם אונטערגאַנג פון דעם שטעטל און די פאַראָרימטע און געפאַלענע אידן, וואָס לעבן עס דורך. דעם אונטער-

גאַנג באַטראַכט אָבער דער פּאָעט ניט מיט קיין נקמה-געפיל, נאָר מיט גרויס רחמנות און צער.

אויך אין די שפּעטערדיקע ווערק זיינע האָט ער אונדז גע־וויזן אַסך אָרימע און געפאַלענע, אָבער שטענדיק מיט גרויס מיט־געפיל צו זייערע ליידן. דאָס איינציקע, וואָס דער פּאָעט וועט זיך דערלויבן, וועט זיין אַ מילדער שמייכל. זייט באַ זייט מיט זיי האָט ער אויך געגעבן דעם נייעם אידן, דעם קעמפנדיקן, דעם מאָנענדיקן.

יא.—עס קומען קיין וואַרשע דריי ליטעראַרישע ריטער. צוויי פון פּוילן, איינער פון ליטע

נאָך דעם, ווי עס איז אין „יוד" אָפּגעדרוקט געוואָרן רייזענס פּאָעמע, האָט עס רייזענען גענומען ציען זייער שטאַרק אין דער גרויסער וועלט אַריין. זיין גרויסער טאַלאַנט האָט אָנגעהויבן בליען גאָר שטאַרק. ער איז געוועזן פול מיט געזאַנג און בילדער. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט גרויסע פּלענער פון ליטעראַרישער אַרבעט. ער איז שוין דאַן געשטאַנען נאָענט צו דער אויפקומענדיקער אידי־שער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט געזען פאַר זיך אַ נייע אידישע יוגנט, אַן אידעאַליסטישע, אַ באַגייסטערטע פאַר די שענ־סטע מענטשלעכע אידעאַלן, אַ גרייטע אויף מסירות נפש, אויף העלדישקייט. רייזען איז שוין אויך געוועזן אַן איבערצייגטער אָנ־הענגער פון דער אידישער שפּראַך.

און אָט באַוויזט זיך דער יונגער פּאָעט אין וואַרשע, מיט אַ פּאָר רובל אין קעשענע און אַ פּעקל שריפטן.

י. ל. פּרץ נעמט אים אויף וואַרים. רייזען איז אַנטציקט פון זיין גרויסן לערער און עלטערן קאָלעגע.

דאָ אין וואַרשע געפינט באַלד רייזען אַ חבר, אַ צווייטן ריטער פון דער נייער אידישער ליטעראַטור. דאָס איז ה. ד. נאָמבערג. מע שליסט אַ בונד פון אייביקער חברשאַפט. מע דערמוטיקט איינער דעם אַנדערן. מע שרייבט. מע דרוקט. מע פּלאַנעוועט. מע טראָגט זיך פון קאַפע צו קאַפע. פון אַרבעטער בירזשע צו פאַרזאַמלונג. מע דיסקוטירט. מע אַגיטירט. מע שטעלט זיך איין פאַר דער אי־דישער שפּראַך. מע וועקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל. מע רופט צו אחריות פאַר פאָלק און קולטור. מע שאַפט ליטעראַרישע אַטמאָס־פערע. מע שאַפט די נייע אידישע ליטעראַטור. מע חלומט פון גרויסע ליטעראַרישע טריבונעס.

באַלד וועט צוקומען אַ דריטער — אַ פאַרחלומטער בחור פון אַ קליין פּויליש שטעטל. וועט ווערן דריי. דריי ליטעראַרישע רי־

טער: צוויי פון פוילן, איינער פון ליטע. עס וועלן פאַר די אידישע פאָלקמאַסן אויפבליצן דריי גרויסע נעמען: רייזען, נאָמבערג, אַש! איינער וועט זינגען וועגן נויט און עלנט, אָבער אויך וועגן פרייהייט און גליק. דער צווייטער וועט זיך ראַנגלען מיט די גרויסע פּראָבלעמען פון וועלט און גאָט און תכלית, דער דריטער וועט קומען מיט ס׳גרויסע געזאַנג אויף די ליפּן וועגן אַן אַלט פאָלק, וואָס איז אָבער קיינמאָל ניט אַלט געוואָרן. און אַלע דריי ריטער וועלן שטיין מיט אויפגעהויבענע באַגייסטערטע פּנימער, אַרויפקוקן צו אַ גיגאַנט, וואָס וועט פאַר זיי דערשיינען, ווי אַ נביא און אַ געזעצגעבער, וואָס וועט שוועבן איבער זיי, ווי אַ באַגליקנדיקער גייסט, און וועט זיי לערנען און פירן און וועט מיט זיי מיטגיין אין דער אייביקייט אַריין, אין דער אומשטערבלעכקייט אַריין. דער דאָזיקער ליכטיקער געני איז געווען י. ל. פּרץ.

פון די אַלע דריי וועט אָבער רייזען זיין דער, וואָס וועט נאָך פּרצעס טויט איבערנעמען דעם גרויסן טיטל „דער פאָטער פון דער אידישער ליטעראַטור״. ער וועט האָבן גענוג רעכט אויף דעם ערנטיטל.

יב.—אברהם רייזען אין מערב אייראָפּע. דאָס עפּאָכע־מאַכנדיקע „דאָס יודישע וואָרט״ פון קראָקע

אין דעם יאָר 1904 איז אברהם רייזען אַרויסגעפאָרן אין מערב־אייראָפּע. ער קומט קיין ווין שוין אַ באַקאַנטער דיכטער און דערציילער. ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער און אַ בוך דערציילונגען אַחוץ דעם זאַמלבוך „דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט״, וואָס ער האָט רעדאַקטירט. אין ווין באַקענט ער זיך מיט דער אידישער שטודירנדיקער יוגנט און באַגעגענט זיך אויך מיטן באַקאַנטן אידישן פּובליציסט דר. נתן בירנבוים, וועלכער האָט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער אידישער שפּראַך צווישן די מערב־אייראָפּיאישע אידן. רייזען באַטייליקט זיך אויך אין דער פּראָפּאַגאַנדע און גיט אַרויס אין ווין אַ נייע זאַמלונג לידער.

עס דערנעענטערט זיך אָבער דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם אין רוסלאַנד. רייזען פאָרט דאַן אַריבער קיין קראָקע און הויבט דאָרט אָן אַרויסגעבן אין דעם יאָר 1905 זיין עפּאָכעמאַכנדיק וואָכנבלאַט „דאָס אידישע וואָרט״. אין דעם פּראָספּעקט זאָגט ער אָן דער וועלט, אַז „דאָס אידישע וואָרט״ איז די **ערשטע צייטשריפט**, וואָס זאָגט אַרויס אָפן אירע פעסטע איבערצייגונגען, אַז די שפּראַך וואָס האָט געהייסן באַ די פריערדיקע און באַ מאַנכע יעצטיקע

אַרויסגעבער זשאַרגאָן,—זי איז די אידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך, און איר ליטעראַטור באַטראַכט זי ניט אַלס מיטל, נאָר אַלס ציל פאַר זיך".

רייזען האָט זיך געדאַרפט אויסשטיין געגוג פאַר דער דאָזיקער דעקלאַראַציע, אָבער ער האָט זיך ניט געשראָקן און זי ניט צוריק־געצויגן.

יג.—די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע

די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד טראָגט זיך שטורעמדיקער איבער דעם צאַרס אימפּעריע און רייזענען ציט צוריק אין זיין היים, וואָס ער האָט אַזוי היים געליבט. ער פאָרט ענדלעך צוריק, פאַלט אַריין פונקט אין דעם ברענענדיקסטן קאַמף, אין וועלכן דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס און די, וואָס סימפּאַטיזירן מיט אים, שטייען פּנים־אל־פּנים מיט דעם צאַרס צעיושעטע האָרדעס. רייזען לעבט איבער דעם שטורעם פון דער רעוואָלוציע, וועלכע ער האָט נאָך פריער פאָראויסגעזאָגט אין זיינע לידער. ער האָט נאָך מיט פינף יאָר צוריק, אַהיימקומענדיק פון אַ גרויסער דעמאָנסטראַציע, וואָס די אַרבעטער האָבן דורכגעפירט דעם ערשטן מאַי, אָנגעשריבן זיין ליד „די וואַנט", אין וועלכן ער האָט באַזונגען דעם מוט און די אַנטשלאָסנקייט פון די אַרבעטער דורכצוברעכן די אייזערנע וואַנט פון פינסטערניש און עקספּלואַטאַציע. און באַם אָנהויב נאָך פון דעם נייעם יאָרהונדערט האָט רייזען, שוין אַ דורכגעדרונגענער פון די אידייען פון דעם אויפקומענדיקן אידישן און אַלוועלטלעכן פּראָ־לעטאַריאַט, געזונגען מיט גרויסן גלויבן אין הארצן „דאָס נייע ליד", אין וועלכן ער האָט דערמוטיקט די קעמפער און זיי אָנגע־זאָגט, אַז אויך ער גלויבט, אַז די גליקלעכע צייט וועט קומען — עס איז ניט קיין חלום.

יד.—די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ

נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע איז אברהם רייזען ניט אַריינגעפאַלן, ווי אַסך שרייבער, אינטעלי־גענטן און אפילו אַרבעטער, אין אַ יאוש און אַפּאַטיע. ער האָט נאָך אַלץ געשריבן מיט דעמזעלביקן גלויבן, אַז דאָס שלעכטס וועט באַזיגט ווערן, און אַז די גאַנצע מענטשהייט, און אונדזער פאָלק בתוכה, וועט דערלעבן די גליקלעכע צייט פון באַפרייאונג. אין די יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע איז רייזען אויך אַזוי ווי פריער טעטיק אַלס אַרויסגעבער, רעדאַקטאָר און קולטור־טוער. אַט גיט ער אַרויס

אין דעם יאָר 1908 די ערשטע אידישע כרעסטאָמאַטיע מיט מוסטערן פון די גרעסטע אידישע שרייבער אַחוץ וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען און בילדער.

די גרעסטע פּאַסירונג פון דער צייט אין דעם לעבן פון אברהם רייזען און אויך פון מיליאָנען אידן איז די באַרימטע טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

אין דעם יאָר 1908 איז זיך אין דער שטאָט טשערנאָוויץ, בו־קאָווינע, צונויפגעקומען אַ גרופּע אידישע שרייבער, סטודענטן, לע־רער און כלל־טוער און האָבן אָפּן פאַר דער גאַרער וועלט דערקלערט די אידישע שפּראַך פאַר דער איינציקער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון אונדזער פאָלק. אויף דער קאָנפערענץ זיינען געקומען אַחוץ אברהם רייזענען אויך ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, י. ל. פּרץ און דר. חיים זשיטלאָווסקי. די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט באַצייכנט אַ ניי און גרויס קאַפּיטל אין דער נייער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. דער פּרעסטיזש פון דער אידישער שפּראַך איז געוואַלדיק גרויס אויסגעוואַקסן זינט דעמאָלט. אַ גרויסן חלק אין דעם דערפאָלג פון דער קאָנפערענץ און אירע אויפטועון האָט געהאַט אונדזער גרויסער פּאָעט.

טו.—אַמעריקע. וואַנדעריאָרן

נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז רייזען אַוועק קיין אַמעריקע. עס האָט אים געצויגן צו זען, ווי אַזוי האָבן זיך איינגע־אָרדנט זיינע ברידער אין דעם „גאָלדענעם לאַנד”. דאָ איז ער אויפ־גענומען געוואָרן פון די ברייטע אידישע פאָלקמאַסן מיט באַגייס־טערונג. ער פאָרט צוריק קיין אייראָפּע. ער גיט אַרויס אַ נייעם זשורנאַל, אין וועלכן ער וויל באַקאַנט מאַכן דעם אידישן פאָלק־לייענער מיט דער נייעסטער אייראָפּייאישער ליטעראַטור. אין דעם יאָר 1910 קומט ער ווידער קיין אַמעריקע. עס ציט אים אין דעם לאַנד, וואו די אידן האָבן געשאַפן אַ גרויסן און וויכטיקן ישוב. ער האָפט דאָ צו אַנטוויקלען אַ גרויסע ליטעראַרישע טעטיקייט, אַרויסרופן צום לעבן נייע טאַלאַנטן און שאַפן אַ טריבונע, פון וועלכער ער זאָל מיט מוט קענען רעדן צו אַלע אידן פון דער גאַרער וועלט, אַסך פון וועלכע עס האָלטן שוין אַנגעגרייט אין די הענט דעם וואַנדער־שטעקן. ער גיט טאַקע דאָ אַרויס עטלעכע זשורנאַלן, זאַמלט אַרום זיך, ווי אומעטום, אַסך יונגע שרייבער. ער פאָרט נאָך איין מאָל צוריק קיין אייראָפּע. אין 1914 קומט ער אָבער אַהער און באַזעצט זיך דאָ אויף שטענדיק. ער גרייט צו די ערשטע גרויסע אויסגאַבע פון אַלע זיינע ווערק.

טז.—פופציק־יאָריקער יובל אַ גרויסער פאָלקס יום־טוב

אין 1926 ווערט געפייערט זיין פופציקיאָריקער יובל אויף גאָר אַ גרויסן שטייגער. דער שלום־עליכם פאָלקאינסטיטוט, וועלכער פירט דורך דעמדאָזיקן גרויסן פאָלק יום־טוב, גיט אויך אַרויס דורך זיין פאַרלאַג מתנות" אַ פּראַכט־אויסגאַבע מיט אילוסטראַציעס פון אידישע קינסטלער פון א. רייזענס פופציק לידער—„אַ מתנה די קינדער פון די אידישע שולן".

אין דעמזעלביקן יאָר הויבט אָן רייזען דרוקן זיינע „עפּיזאָדן פון מיין לעבן", וואָס זיינען שוין ביז איצטער אַרויסגעגאַנגען אין דריי ביכער. אין דעמדאָזיקן וויכטיקן ווערק דערציילט אונדז א. רייזען ניט נאָר וועגן זיין לעבן, נאָר וועגן דעם גאַנג פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פאַר די לעצטע פערציק יאָר און וועגן דעם אויפקום פון דער נייער אידישער ליטעראַטור.

יז.—אברהם רייזענס טריאומף־רייזע איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד

אין דעם יאָר 1928 איז רייזען געווען אויף אַ באַזוך אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד און אָנערקענונג, ווי דער געקרוינטער פּאָעט פון דעם אידישן פאָלק. זיין רייזע אין ראַטנפאַרבאַנד איז געווען אַ טריאומף־צוג. דאָרטן איז נאָכאַמאָל באַשטעטיקט געוואָרן די מיינונג פון די, וואָס האַלטן, אַז רייזען איז ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלער פּאָעט, נאָר אויך א וועלט־שרייבער.

יח.—וועגן וואָס זינגט און דערציילט רייזען

אברהם רייזען האָט אין זיינע לידער געזונגען וועגן נויט און אָרימקייט, אָבער אויך וועגן אַ שיינער און גליקלעכער צוקונפט. אין זיינע לידער האָט א. רייזען אונדז געוויזן דעם מענטשן אין זיין געפאַלנקייט, אָבער אויך אין זיין דערהויבנקייט.

דאָסזעלבע האָט ער אויך געטאָן אין זיינע דערציילונגען. גע־וויינטלעך ווייזט אונדז רייזען דעם מענטשן, ווי א קרבן פון זיין אָרימקייט, פון די סאָציאַלע אומשטענדן. אָבער איבער אלע זיינע דערציילונגען שוועבט א גרויסער רחמנות. עס דאכט זיך אונדז, אַז רייזען זאָגט אונדז: — איר זעט, מיינע פריינט, דער מענטש איז אַביסל נאַריש און דער אַביסעלע פאַרדאָרבן, דער איז אביסעלע קאָמיש און יענער — פּאַטעטיש און טראַגיש, אָבער קיינער פון זיי, גלויבט מיר, איז ניט שולדיק אין דעם, וואָס ער איז. זעט איר דען ניט, אַז די אָרימקייט, די נויט, דאָס ראַנגלען זיך פאַרן שטיקל ברויט האָבן פון זיי אַ תל געמאַכט?

יט.—א. רייזען און די אידישע שול און קולטור באַוועגונג

מיר האָבן ליב, אַז דער גרויסער שרייבער פאַרמאָגט אין זיך אַחוץ טאַלאַנט אויך כאַראַקטער. עס געפעלט אונדז, ווען מיר זעען, אַז דער גרויסער מענטש לעבט אַזוי ווי ער פּריידיקט. אברהם רייזען איז אַזאַ שרייבער. ער פירט דורך אין לעבן זיינע אידעאַלן. באַזונדערס ווייזט ער עס ארויס אין זיין באַציאונג צו דער אידישער שפּראַך, קולטור און שול. נישטאָ פאַר אים קיין קאָמפּראָמיסן, ווען עס קומט צו דער אידישער שפּראַך. דער כבוד און די אָנערקענונג פון אונדזער פאָלק שפּראַך שטייען בײַ אים העכער פון אַלץ.

די אידישע קולטור-באַוועגונג איז זיין לעבן. פאַר איר און דורך איר לעבט ער. צי עס איז אידיש טעאַטער, אידישע מוזיק, אידישע קונסט, א אידישער פאַרלאַג, צי א אידישע ביבליאָטעק — אומעטום איז ער דאָ מיט זיין וואָרט, מיט זיין טאָט.

פון די אַלע אינסטיטוציעס פון דער אידישער קולטור באַוועגונג איז אים אָבער טייערער פון אַלץ די אידיש-וועלטלעכע שול. פאַר איר איז ער קיינמאָל ניט מיד, קיינמאָל ניט קאַרג אויף צייט און געלט. איר גיט ער אַוועק אָפט זיינע איינציקע פרייע אָוונטן. צו איר לויפט ער הונדערטער מיילן. פאַר איר האָט ער דאָס שענסטע, דאָס האַרציקסטע וואָרט. און זיין באַלוינונג? — די וואונדערלעכסטע! קיין לעבעדיקער אידישער שרייבער איז אַזוי ניט באַליבט, אַזוי ניט האַרציק-נאָענט דעם אידישן קינד, ווי אברהם רייזען. אברהם רייזען איז דער העלד פון דער אידישער שול. צו זיין בילד הויבן די קינדער אויף אָפטמאָל זייערע באַגייסטערטע אויגן. זיין קומען צו זיי איז פאַר זיי דער גרעסטער יום טוב.

דורך זיינע ווערק לערנען זיי זיך ליב צו האָבן די אידישע שפּראַך. דורך זיינע לידער, וואָס מען זינגט אָפט אין שול, ווערן זיי געלערנט צו פירן דעם קאַמף פאַר גערעכטיקייט. דורך זיינע דערציילונגען ווערן זיי אריינגעפירט אין אַ וועלט פון רחמנות, טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש. דורך זיינע דערציילונגען דערזעען זיי זיי אָפט די גייסטיקע גבורה פון אונדזער פאָלק. דורך זיינע ווערק לערנען זיי זיך פאַרשטיין, אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך, און עס טאָר ניט זיין קיין אויבערהאַר און קיין שלעכטס אויף דער וועלט און אז עס טאָר אויך ניט זיין קיין אָרים און קיין רייך. דורך רייזענס ווערק לערנען זיך אויך אונדזערע קינדער פאַרשטיין, אַז **חכמה** (קלוגשאַפט) מוז גיין האַנט אין האַנט מיט **האַרציקייט**, אַז

קאָפּ טאָר ניט שטיין העכער פון האַרץ, און אַז דער מענטש דאַרף פילן מיטן קאָפּ און פאַרשטיין מיטן האַרץ.

כ.—א. רייזען קומט צו גאַסט אין אַ שול

אַט האָט איר אַ בילד פון אַ שול, ווען א. רייזען קומט אַהין אויף אַ יום טוב. געוויינטלעך איז עס אַ ספּעציעלער אָוונט, געווידמעט דעם גרויסן פּאָעט. דער לערער און די קינדער האָבן זיך גענומען גרייטן צו דעמדאָזיקן יום טוב נאָך מיט עטלעכע וואָכן פריער. מע האָט איינגעשטודירט רייזענס לידער. מע האָט צוגעגרייט פאָרלעזונגען און רעציטאַציעס פון דעם דיכטערס ווערק און באַגריסונגס רעדעס.

אויך די עלטערן האָבן זיך שטאַרק געגרייט צום יום טוב. די שול איז דעקאָרירט מיט פּאַסיקע אויפשריפטן אויף די ווענט און דער בינע. רייזענס בילד, אַרומגעהילט אין רויטן, הענגט אויבנאָן.

אַט איז שוין געקומען דער גליקלעכער מאָמענט. די קינדער זענען שוין דאָ אין שול מיט אַ פּאָר שעה פריער, איידער די פּראָגראַם דאַרף זיך אָנהויבן. מיט קלאַפּנדיקע הערצער זיצן די קינדער אויף די שטולן. מען האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די קלענערע ברידערלעך און שוועסטערלעך און די גאַנצע צייט לערנט מען זיי דרך ארץ:

— זיץ גוט. מאַך דיר צורעכט די האָר. ווייסטו ניט, אַז באַלד וועט דאָ זיין דער גרעסטער אידישער פּאָעט?

און די תלמידים אַליין, די הויפּט מחותנים פון דעם יום טוב, וואָס הייסט **אברהם רייזען**, קענען אַליין ניט איינזיצן רואיק און דרייען אַלעמאָל אוים די קעפּ צו דער טיר, ווען נאָר עמיצער קומט אַריין.

אַסך פון זיי גנבענען זיך אַרוים, לויפן צו דער סאָבוויי סטאַנציע אָפּוואַרטן דעם גרויסן גאַסט, און אַז מען דערזעט רייזענען, לויפט מען צוריק אין שול אריין פייל אויסן בויגן: מע קוקט ניט אויף קיין געפאַר. מיט אַ שטורם פאַלט מען אריין אין שול אריין און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זאָגט מען אָן די גרויסע בשורה: — ער גייט. חברה, זייט גרייט!

און אָט איז שוין דער באַליבטער שרייבער אריינגעקומען אין שול אַריין. די קינדער רינגלען אים אַרום מיט גרוים ליבשאַפט. זיי טוליען זיך צו אים, ווי צו אַ טייערן דערוואַרטעטן קרוב, וואָס

איז געקומען פון ערגעצלאַנד און אוודאי געבראַכט מיט זיך פרייד און די וואונדערלעכסטע מתנות.

די פּראָגראַם פון אָוונט הויבט זיך אָן. דער דיכטער זיצט אויבנאָן. די קינדער קוקן אויף אים מיט לייכטנדיקע אויגן. די עלטערן און די געסט זיינען אויך גליקלעך און שטאָלץ. אין דעם זאַל הערשט, קען מען אָן איבערטרייבונג זאָגן, אַזאַ הייליקע שטי־מונג, ווי אַמאָל באַ אונדזערע פרומע עלטערן אין שול אין די פייער־לעכסטע מאָמענטן פון די אידישע יום טובים.

דאָס ערשטע קינד רעדט מיט אַ ציטערנדיקער שטים. עס רעדט וועגן דער גרויסער ליבשאַפט, וואָס די קינדער טראָגן אין האַרצן צו דעמדאָזיקן אידישן שרייבער.

רייזען זיצט אַ בלייכער, אַ דורכגעציטערטער, אַ גערירטער. און דערנאָך, אַז די קינדער דעקלאַמירן זיינע לידער, זעט מען, ווי זיינע ליפּן שעפּטשען, מ'וואָלט געקענט שווערן, אַ ברכה פאַר די קינדער. מען זעט, ווי ער איז פול מיט פרייד און גליק, וואָס אויך דאָ, אין אַמעריקע, וואַקסט אַ דור, וואָס וועט קענען איבערנעמען אונדזער גרויס קולטור־פאַרמעגן . . .

אָט איז אָן איבעררייס אין דער פּראָגראַם. די קינדער גיבן זיך אַ לאָז צום גאַסט. מע רינגלט אים אַרום מיט טומלדיקער פרייד. מע פרעגט פראַגן. מע טראָגט אונטער נאָך פון פריער צוגעגרייטע שטיקלעך פּאַפּיר, העפטן, אָדער ביכער און מע פּאָדערט דעם דיכ־טערס אווטאָגראַף, און אַז מען קריגט די אונטערשריפט, האַלט מען זי דערנאָך, ווי דאָס טייערסטע אין דער וועלט.

און שפּעטער שוין נאָכן יום־טוב, זיצנדיק אין קלאַס, גיט מען אין דער שטיל אַ קוק אויף דער אונטערשריפט, די אויגן טוען עפּעס פריידיק אַ בלישטשע און דעם לערער, וואָס זעט עס צו פונדערווייטנס, דאַכט זיך, אַז זיינע תלמידים שעפּן פון די צוויי ווערטער אברהם רייזען גרויס חשק צום לערנען און דויערהאַפטיקע ליבע צו אונדזער פאָלק, זיין פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט . . .

כא.—אברהם רייזענס אָרט אין דער ליטעראַטור־פּראָגראַם פון די אידיש־וועלטלעכע שולן

די ווערק פון אברהם רייזען פאַרנעמען אַ זייער חשוב אָרט אין דעם ליטעראַטור־לימוד אין די אידיש־וועלטלעכע שולן. די קינדער ווערן באַקענט מיט זיינע לידער און דערציילונגען שוין פון־נעם ערשטן יאָר אָן. אין דעם קורס זענען אַריינגענומען געוואָרן ניט נאָר די פּרעכטיקע דערציילונגען פון קינדער־לעבן, וואָס אונדזער

גרויסער שרייבער האָט אונדז געגעבן, נאָר אויך אייניקע פון זיינע באַרימטסטע זאַכן פונעם לעבן פון די „גרויסע" ווערן געלייענט און געלערנט אין די שולן.

באַם אָפּגעבן דעם גראַדואיר-עקזאַמען מוזן די קינדער קענען אַ פּאָר צענדליק זאַכן פון א. רייזענס ווערק.

אָפטמאָל פּאַסירט אַזאַ זאַך אין קלאַס:

דער לערער לייענט פאַר די קינדער אַ ליד, ציַ אַ דערציילונג. ער גיט אָבער ניט אָן דעם נאָמען פון דעם שרייבער. אָפּגעלייענט אַ פּאָר פערזן, אָדער פּאַראַגראַפן — עס ווענדט זיך, וואָס ער לייענט — טוט ער אַ פרעג:

— ווער זשע האָט אָנגעשריבן דאָס, וואָס איך לייען?

אויף דער פראַגע קומט באַלד אַ פריילעכער און שטאָלצער ענטפער פון גאַנצן קלאַס:

— דאָס האָט אָנגעשריבן אברהם רייזען!

כב.—דער סך־הכול. א. רייזענס אָרט אין אונדזער לעבן

אברהם רייזען איז געבוירן געוואָרן אין אַ צייט, ווען עס איז נאָך ניט געווען כמעט קיין אידישע ליטעראַטור, כאָטש עס זענען שוין דאַן געווען גרויסע, געניאַלע, שרייבער, ווי מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פּרץ, שלום עליכם. ער האָט מיט זיין טאַלאַנט, אידעאַליזם און באַגייסטערונג געהאָלפן שאַפן אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור. ער איז געווען דער ערשטער צווישן די, וואָס האָבן פאַר איר אויסגעטראָטן א ברייטן און גרויסן וועג. ער האָט געפאָדערט דרך ארץ און ליבשאַפט פאַר אונדזער שפּראַך, פאַר אונדזער פאָלק־קולטור.

אברהם רייזען האָט אויך געהאָלפן מאַכן אונדזער ליטעראַטור פאַר אַן אייראָפּייאישער מיט אַ שריפטשטעלער קלאַס, וואָס לעבט נאָר פון דער פען.

ער איז געשטאַנען באַם וויגעלע פון אונדזערע פּאַרטייען, באַם געבורט פון סאָציאַליזם, נאַציאָנאַליזם און ציוניזם. ער האָט זיך אַקטיוו אריינגעמישט אין דעם קאַמף, וואָס האָט געדאַרפט באַשטימען, וועלכע פון אונדזערע שפּראַכן זאָל געוועלטיקן איבער אונדזער לעבן. ער איז געוואָרן דער ליבלינג פון פאָלק. ער איז געוואָרן פאַר די פּראָגרעסיווע מענטשן איינס מיט אונדזער מוטער־שפּראַך — אידיש.

אין זיינע לידער און דערציילונגען האָט ער געלערנט, געטרייסט, דערמוטיקט, געוועקט און גערופן צו א ניי לעבן. אונדזער

פאָלק האָט אָנגעהויבן זינגען זיינע לידער און האָט אין זיי געפונען א דערלייכטערונג פאַר די צרות און אַ האָפענונג אויף אויסלייזונג.

ער איז געווען דער אָנזאָגער פון א נייער און גרויסער צייט אין אונדזער געשיכטע, ווען עס דאַרף באַשטימט ווערן אונדזער גורל. ער האָט זוכה געווען נאָך בא זיין לעבן צו ווערן א מוסטער שרייבער, א קלאַסיקער. ער האָט אין זיין שרייבן פאַראייביקט באלד דריי דורות אידן, אידן פון פאַרשיידענע קלאַסן און פאַרטייען. ער האָט געשילדערט פאַר אונדז די אידן פון די קליינע שטעטלעך, וואָס ראַנגלען זיך מיט דער נויט און אונטערגאַנג, און ער האָט אונדז געוויזן די נייע אידן, די מוטיקע, די רעוואָלוציאָנערע, פון די גרויסע שטעט, וואָס זענען געקומען איבערמאַכן די וועלט און אויסקעמפן א בכבודיק אָרט אין איר פאַר אונדזער פאָלק.

ער האָט אויך געוואָנדערט מיט אונדזערע ברידער און שוועסטער, וועלכע מ׳האָט געצוואונגען צו נעמען דעם וואַנדער-שטעקן אין די הענט אריין, איבער דער וועלט. ער האָט זיך צוגעקוקט צו זייערע נייע רו-ערטער. ער האָט זיי דערמוטיקט צו א ניי לעבן און באַזונגען הארציק און געטריי זייערע ליידן און פריידן.

בקיצור, ער איז געוואָרן דער סימבאָל פון די שאַפונגס-כוחות און אָפּטימיזם פון אונדזער פאָלק.

ער האָט אויך באַוויזן דעם גרויסן וואונדער פון קיינמאָל ניט אַלט ווערן. איצט צו זעכציק יאָר איז ער פונקט אַזוי יונג און באַגייסטערט און פול מיט שאַפונגסלוסט, ווי ער איז געווען צו צוואַנציק יאָר.

פאַר דעם אַלעמען האָט אים אונדזער פאָלק באַצאָלט מיט גרויסער ליבע און פאַרערונג.

און איצט צו זיין זעכציקסטן געבוירנטאָג ווינטשן מיר אים:
— זאָל ער אונדז נאָך לעבן לאַנג — ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

די שווערע ווערטער, פאַרטייטשט פאַר די קינדער, לויט דער אָרדע־נונג, ווי זיי קומען אין ביכל:

האָנאָראַר — דאס געצאָלטס, וואָס אַ שרייבער קריגט פאַר זיין שרייבן.

למדנים (לאַמדאָנים) — געלערנטע.

מעשים טובים (מאַיסים טויווים) — גוטע טאַטן.

נגידעשאַפט — רייכקייט.

גמילות חסד — אַ געלט־טובה, לייען עמיצן אַ גמילות חסד — מיינט אַרויסהעלפן אַ מענטשן מיט אַ געוויסער געלט־סומע אויף אַ שטיקל צייט און ניט נעמען קיין פּראָצענט.

גובר געווען — איבערגעשטאַרקט.

תרעומות (טאַרומעס) — טענות.

הרחבת הדעת (האַרכאָוועס האַדאַעס) — פרייער געמיט, גוטע שטימונג.

רחמים — רחמנות.

חלל (כאָלעל) — ליידיקער רוים, פּוסטקייט.

סביבה — אומגעבונג.

ישובניק (אישואָווניק) — אַ איד, וואָס וואוינט אין אַ דאָרף.

כל טוב (קאָל טואָוו) — אַלדאָס גוטס.

שיר השירים — „דאָס ליד פון אַלע לידער" — אַזוי הייסט אַ געוויסער בוך, וואָס איז אַ טייל פון תנ"ך (ביבל). אין אַסך ערטער זאָגן פרומע אידן פרייטיק שיר השירים.

מזכה געווען — באַערט, באַשערט.

השכלה (האַסקאָלע) — אויפקלערונג. אַזוי הייסט די אויפקלערונג־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט משה מענדלסאָן.

מאמרים (מאַימאָרים) — אַרטיקלען.

שירים — לידער.

חקירה (כקירע) — פאָרשונג, פילאָזאָפיע.

עטישער — מאָראַלישער.

משפיע (מאַשפּיע) געווען — געהאַט אַן איינפלוס.

משכיל (מאַסקיל) — אַן אויפגעקלערטער, אַן אָנהענגער פון דער **השכלה**.

טייטש־חומש — אַ אידישע איבערזעצונג פון חומש, געשריבן ספּעציעל פאַר פרויען.

תחינה (טכינע) — אַ געבעט פאַר פרויען אויף אידיש.

מוסר־ספרים — אַזאַ מין רעליגיעזע ליטעראַטור, וואָס לערנט דעם מענטשן זיין גוט און פרום.

עברי־טייטש — אידיש, אַזוי האָבן געהייסן אַמאָל די אידישע איבערזעצונג פון דעם תנ"ך אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור.

מסירות נפש (מסירעס נעפעש), זיין גרייט אויף מסירות נפש — זיין גרייט אָוועקצוגעבן דאָס לעבן.

תל (טעל), מאַכן אַ תל — פאַרוויסטן, רואינירן.